בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

ווישב - חנוכה תשפ"ג
גליון 121



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

טַייעֶרע קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס הָאט דִי שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג שַׁייכוּת מִיט חֲנוּכָּה שְׁנַת תקס"ט - מִיט אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ג??

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אִסְרוּ חַג סֻכּוֹת יָאר תקס"ח צוּם שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, דָארְטְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין גֶעוַואלְדִיגֶע סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן נָאךְ דְרֵיי יָאר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פַּרְשַׁת בָּלָק תקס"ח אוּן אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער שַׁבָּת חֲנוּכָּה, יָאר תקס"ט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף חֲנוּכָּה וָואס רוּפְט זִיךְ "יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה".

נָאכְן תּוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן זִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל פוּן "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל (תְּהִלִּים קכד, א)" זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל. דֶער קַאפִּיטְל גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז וֶוען נִישְׁט דִי הִילְף פוּנֶעם גָאט ב"ה אִיז 'חַיִּים בְּלָעוּנוּ' וָואלְטְן דִי גוֹיִים מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּנְז אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט חַס וְשָׁלוֹם.

דָאס יָאר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס וֶועט זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעהָאפְט אוֹיף דֶער הִילְף פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַ דַאנְק דֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער הֶערְלִיכֶער קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן מִיט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, אִידְן זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּם רֶבִּי'ן אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוּנְז טָאג טֶעגְלִיךְ, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת. ווִיפִיל נִסִּים פַּאסִירְט מִיט יֶעדֶעם אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן נוֹדֶה לְּךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ וְעַל נִסֶּיךָ וְנִפְלְאוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם.




אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן שַׁבָּת בַּיי תְּפִלַּת נִשְׁמַת כָּל חַי, אִילּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו וְכוּ' אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ... אוּן דָאס אִיז אֲפִילוּ נָאר בְּגַשְׁמִיּוּת, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה קַל וָחוֹמֶר בֶּן בְּנוֹ שֶׁל קַל וָחוֹמֶר אִין רוּחָנִיּוּת וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, מִיר אַלֶע זֶענֶען שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת אוּן מִיר גְלַייבְּן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ אוּן מִיר הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים,

המשך אויף זייט 8

## דָארְטְן אִיז זַייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען... #2

וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיכֶער דִי חֲתוּנָה? אִין אוּמַאן אָדֶער הַיינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל:

"אַז מֶען ווִיל אִיז דָא גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ; אָבֶער אַז מֶען ווִיל אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ - עֶס אִיז אַן אַנְדֶער שִׂמְחָה גֶעוֶוען."

\~~~



בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין שְׁוָואגֶער רֶבִּי הֶערְשְׁל לֵייבּ לִיפְּל, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַ שְׁטִיקְל מַשְׂכִּיל, עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטַאנְצְט - אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָאס טַאנְצְן מִיט וָואסְפַארַא שִׂמְחָה הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'הֶערְט זִיךְ אַיין; אִיר טַאנְצְט, אוּן מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועט דֶער חָתָן נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן, דַארְף מֶען זֶען צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל פַּרְנָסָה פַאר דֶעם חָתָן.' הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דֶעם עֶרְשְׁטְן סְכוּם גֶעלְט גִיבְּט עֶר.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען שׁוֹין דָארְטְן גֶעמַאכְט אַ סְכוּם גֶעלְט אוּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר חַיִים שַׁבְּתַי'ס (אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן) אוּן עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דָארְטְן פוּן דִי שֻׁתָּפוּת אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיף צוּ לֶעבְּן!

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי חֲתוּנָה, פוּן דִי רִקוּדִים - אַז עֶר הָאט דָאס גָאר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר הָאט דָאס גֶעמַאכְט, דֶעם מַעֲמַד!

פַארְשְׁטֵייסְט? דָאס אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי רִקוּדִים!

\~~~

דֶער מַשְׂכִּיל הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן דוֹרוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע חֲסִידִים, עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין הַשְׂכָּלָה.

עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁייכוּת צוּ אַזֶעלְכֶע רֵייד - אַז אִיךְ זָאל וֶוען גֵיין צוּ אִים זָאגְן: 'גִיבּ עֶפֶּעס פַאר הֶערְשׁ לֵייבְּ'ן' - וָואלְט עֶר וֶוען מִיר גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן - 'זָאל עֶר גֵיין אַרְבֶּעטְן' וָואלְט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, אָבֶער אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעזֶעהְן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מַעֲמַד פַאר הֶערְשׁ לֵייבְּ'ן.

דָאס הֵייסְט, אַזֶעלְכֶע רִקוּדִים - צוּ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן אוּן זָאגְן אַזַא מִין וָוארְט - קֶענְסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וָואסְפַארַא רִקוּדִים דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לֶעבְּטִיגֶע נַאכְט! אַהּ, דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן עֶטְלִיכֶע אִין פוּפְצִיג יָאר, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט נָאךְ אַזַא חֲתוּנָה!

\~~~

## אוֹיפְמָארְגְן פוּן דִי חֲתוּנָה

דִי חֻפָּה אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אַרַיין. דֶער עוֹלָם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין פָּאלִישׁ, הֶערְשׁ לֵייבּ הָאט אָנְגֶעטָאן

המשך אויף זייט 8

# איין מעשה'לע

דער באשעפער באוויזט וואונדער

פאר זיינע ליבע קינדער



## אָנְגֶעגְרֵייט דִי יְשׁוּעָה

אוּנְז זֶענֶען אֵיינְמָאל גֶעפָאְרן קַיין בָּארָא פַּארְק, אוּנְז הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין דִי גֶעדִיכְטֶע בָּארָא פַּארְקֶער גַאסְן צוּ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ צוּ פַּארְקִירְן דִי קַאר, עֶס קֶען נֶעמֶען זֵייעֶר לַאנְג בִּיז מֶען קֶען טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ צוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי קַאר. אַסַאךְ מָאל טְרֶעפְט מֶען זֵייעֶר אַ וַוייטֶע פְּלַאץ צוּ לֵייגְן דֶעם אוֹיטָא אוּן מֶען דַארְף גֵיין אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּפִיס, הָאבְּן אוּנְז אִין קַאר אוֹיפְן וֶועג פוּן מָאנְסִי צוּ בָּארָא פַּארְק זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּנְז זָאלְן טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ צוּ פַּארְקִירְן דֶעם אוֹיטָא שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

אַזוֹי וִוי מִיר קוּמֶען אָן אִין בָּארָא פַּארְק צוּ דִי גַאס וואוּ מִיר דַארְפְן גֵיין, הָאט בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם אַן אַנְדֶערֶער קַאר אַרוֹיסְגֶעפָארְן פָארְנְט פוּן אוּנְזֶער נָאז אוּן מִיר הָאבְּן קְלָאר גֶעזֶען וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גֶעהַאט אַ בַּאקְוֶועמֶע פַּארְקִינְג פַאר דִי קַאר.

**מֹשֶׁה יִשְׂרָאֵל מָאנְסִי**

**אַ גוּטְן, אִיךְ הֵייס מֹשֶׁה יְשַׁעְיָ'ה. אִיךְ וואוֹין אִין קִרְיַת יוֹאֵל.**

דִי וָואךְ זוּנְטָאג הָאט גֶעשְׁנֵייט אוּן מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַרַיינְפָארְן אִין שְׁטָאט אַכְט אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי נָארְמַאל וֶוען עֶס פַאלְט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁנֵיי קֶען מֶען נִישְׁט פָארְן, הָאבְּן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שְׁטַארְקֶע שְׁנֵיי אוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרַיינְפָארְן אִין שְׁטָאט, ב"ה דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע שְׁנֵיי אוּן מִיר זֶענֶען אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, נָאר מִיט תְּפִלָּה.

## מִיט אַ רִיכְטִיגֶע בְּלִיק

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר בַּאשְׁטֶעלְט אַ צַייט צוּ גֵיין צוּם אוֹיגְן דָאקְטֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט גוּט, אוּן זִי הָאט מִיר בַּאשְׁטֶעלְט אַ צַייט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז גֶעוֶוען אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין אַ וַוייטֶע פְּלַאץ, הָאט מַיין מַאמֶע נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִויאַזוֹי מֶען קוּמְט דָארְטְן אָן אוּן זִי הָאט אַרוֹיף אוֹיף אַ בָּאס אוּן זִי גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס אוּן זִי זֶעט צוּם סוֹף אַז זִי קוּמְט נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ.

אִיז זִי אַרָאפּ בַּיי אַ סְטַאנְצִיֶע אוּן גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם וואוּ מֶען גֵייט הָאט זִי אִיר גֶעזָאגְט, אָבֶער וַוייטֶער הָאט מֶען זִיךְ פַארְפְלָאנְטֶערְט אוּן מֶען אִיז אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל אָנְקוּמֶען צוּם צִיל אוּן אַלֶעס זָאל פָארְן וִוי גֶעפְּלַאנְט.

דִי צַייט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוּן סְ'הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען גֵייט שׁוֹין פַארְפַאסְן אוּנְזֶער בַּאשְׁטִימְטֶע שָׁעָה, עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט צוּ בַּאשְׁטֶעלְן אוֹיפְן פְּלַאץ אַ נַייעֶ עֶפּוֹינְטְמֶענְט וַוייל אוּנְז הָאבְּן עֶס שׁוֹין מִסְתָּמָא דֶערְלֵייגְט, אָבֶער צוּ אוּנְזֶער וואוּנְדֶער אִיז גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם טָאג אַ גְרוֹיסֶער אִיבֶּערְפְלוּס פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אוּנְז הָאבְּן נָאךְ גֶעהַאט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּ וַוארְטְן.

# דִי עֶלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט



## 3 דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן

**אִין דֶער פְרִיה** הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז דִי בְּהֵמוֹת שְׁטֵייעֶן נָאהנְט לֶעבִּין אִים. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זֵיי חַאפִּין. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אִיז עֶר זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין.

**אוּן דִי בְּהֵמוֹת** הָאבִּין זִיךְ גִיפוּנֶען דָארְט עֶפֶּעס גְרָאז צוּ עֶסִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַּאסֶען. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען זֵיי חַאפִּין. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַלְץ זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין עֶר גֵייט זֵיי וַוייטֶער נָאךְ אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין.

**בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען** אִין זֵייעֶר גִידִיכְטְן וַואלְד אַרַיין. וָואס דָארְטִין אִיז שׁוֹין גִיוֶוען חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר קֵיין מֶענְטְשְׁן וָוארִין זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דֶעם יִישׁוּב. אוּן סֶע ווִידֶער גִיוָוארִין נַאכְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל ווִי דִי חַיוֹת בְּרוּמֶען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין.

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן** ווִי סֶע דָארְט גִישְׁטַאנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים. אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. ווִי עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. **הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן.** סֶע לִיגְט דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין. הָאט עֶר הַנָאָה גִיהַאט. מַחְמַת עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אַ מֶענְטְשְׁן.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיפְרֶעגְט** אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים נִיט גִיוָואלְט דֶערְצֵיילִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** דָארְךְ דִי בְּהֵמוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גִיפַּאסֶעט. זֶענֶען צְוֵוי בְּהֵמוֹת פַארְגַאנְגֶען אַהֶער. אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. **הָאט עֶר ווִידֶער גִיפְרֶעגְט** יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. אִיךְ בִּין אַהֶער גִיקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם פֶערְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִירִיטְן אוֹיף אַ פֶערְד.

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִישְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן.** אִיז דָאס פֶערְד פַארְגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. הָאבּ אִיךְ עֶס נָאךְ גִיָאגְט אִיךְ זָאל עֶס חַאפִּין. אוּן דָאס פֶערְד אִיז וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין.

**בִּיז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען אַהֶער.** הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ הַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵי הָאבִּין אָפְּגִישְׁמוּסְט. אַז אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אִין יִשׁוּב אַרַיין זָאלִין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ הַאלְטִין אִין אֵיינֶעם.

**אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט** בֵּיידֶע אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת ווִי זֵיי הָאבִּין גִיבְּרוּמְט אוּן הָאבִּין זֵייעֶר גִישְׁרִיגְן.

**אַקֶעגִין טָאג.** הָאט עֶר גִיהֶערְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער (חַא חַא חַא) **אִיבֶּערִין גָארִין וַואלְד** (כְּלוֹמֶר דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער אִיז גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער גָאר דֶעם וַואלְד) וָוארִין סֶע גִיוֶועון זֵייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער.

**בִּיז דֶער בּוֹים** הָאט גִיצִיטֶערְט פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן הָאט גְרוֹיס פַּחַד גִיהַאט דֶערְפוּן.

**הָאט אִים דֶער אַנְדֶערֶער** גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים) אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר קֵיין פַּחַד נִיט דֶערְפוּן וָוארִין אִיךְ נֶעכְטִיג דָא שׁוֹין כַּמָה נֶעכְט. אִיז אַלֶע נַאכְט אַזוֹי. ווִי סֶע קוּמְט נָאהנְט צוּ טָאג. הֶערְט מֶען דָאס גִילֶעכְטֶער. בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער צִיטֶערִין אוּן טְרֶעסִין זִיךְ.

**הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין** אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערִין סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָא אִיז דָאס אָרְט פוּן דִי לַייט (כְּלוֹמֶר פוּן דִי שֵׁדִים) וָוארִין אִין יִשׁוּב הֶערְט מֶען גָאר נִיט אַזוֹי אֵיין גִילֶעכְטֶער וָוארִין וֶוער הָאט גִיהֶערְט אַ גִילֶעכְטֶער אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט.

**דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארִין תֵּיכֶּף טָאג.** הָאבִּין זֵיי אַ קוּק גִיטָאן. הָאבִּין זֵי גִיזֶעהְן. דִי בְּהֵמוֹת זַיינֶע שְׁטֵייעֶן. אוּן דָאס פֶּערְד פוּן יֶענֶעם אִיז אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען. זֶענֶען זֵיי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ צוּ יָאגִין. דֶער נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער נָאךְ דֶעם פֶּערְד.

**אוּן דִי בְּהֵמוֹת** זֶענֶען אַנְטְלוֹיפִין וַוייטֶער אוּן עֶר יָאגְט נָאךְ וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער יָאגְט אַלְץ נָאךְ דָאס פֶּערְד אוּן דָאס פֶּערְד אַנְטְלוֹפְט אַלְץ בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערִין הָאט שׁוֹין נִיט גְוואוּסְט.

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיפוּנֶען** (דְהַיינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט עֶס נָאךְ גִיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת) אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט. אוּן דָאס אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר חָשׁוּב אִין אַ מִדְבָּר. הָאט עֶר גִינוּמֶען דֶעם זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. אוּן אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען דִי בְּהֵמוֹת.

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט** אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה דֶערְשְׁרָאקִין נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גִיהַאט. וַוייל עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְשְׁן.

**הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער מֶענְשׁ.** וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר צוּרִיק גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְשְׁן. וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער הָאט אִים יֶענֶער מֶענְשׁ גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְווּינְדֶערְט זִיךְ) מַיינֶע עֶלְטֶערִין. אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין.

**אָבֶּער דוּ. וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער.** וָוארִין אַהֶער קוּמְט גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט פוּן דֶעם יִשׁוּב. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין. וָוארִין עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט. וָוארִין עֶר זָאגְט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערִין זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין. אוּן קֵיין מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם יִשׁוּב קוּמְט גָאר אַהֶער נִיט.

**הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט עֶר אִים גָאר נִיט גִיטָאן אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גִיוֶועזְן (דְהַיינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ נִיט גִיטָאן. דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת)

**אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד** הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס טוּסְטוּ דָא הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת. הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ צוּ אִים אָנְגִירוּפְן הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאךְ יָאגִין דַיינֶע עֲווֹנוֹת.

**וָוארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין בְּהֵמוֹת נִיט. נָאר דַיינֶע עֲווֹנוֹת פִירִין עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם. גִינוּג שׁוֹין. דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען דָאס דַיינִיקֶע** (כְּלוֹמֶר דַיין שְׁטְרָאף הָאסְטוּ שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען) הַיינְט הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵי נָאךְ צוּ יָאגִין. קוּם מִיט מִיר. וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ.

**אִיז עֶר מִיט אִים גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. מִיט אִים צוּ רֵיידִין אוּן צוּ פְרֶעגִין אִים עֶפֶּעס וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְשׁ. טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אִיז עֶר אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען.

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט זַיין חַבֶר.** וָואס עֶר הָאט נָאךְ גִיָאגְט דָאס פֶּערְד. אוּן תֵּיכֶּף וִוי עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף אֵיין ווִינְק גִיטָאן. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָאר נִיט הַאנְדְלֶען. וָוארִין דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט.

**אוּן אִיז תֵּיכֶּף גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אִים דָאס אַיין גִירוֹימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט וְכוּ' (כַּנַ"ל) דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גִיטָאן (דְהַיינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶּערְד)

**הָאט עֶר גִיזֶעהְן.** עֶר הָאט אֵיין זַאק מִיט בְּרוֹיט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ בֶּעטִין. בְּרוּדֶער. סֶע אִיז שׁוֹין כַּמָה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסִין. גִיבּ מִיר בְּרוֹיט.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** דָא אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט. וָוארִין מַיין לֶעבִּין אִיז בִּילְכִיר. אִיךְ בַּאדַארְף דָאס בְּרוֹיט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין.

**אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין.** אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט בְּוַודַאי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) הָאט עֶר אִים (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט בְּוַודַאי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גֶעבִּין פַאר בְּרוֹיט אִין דֶער מִדְבָּר.

**הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט עֶס גִיגֶעסְן דָאס בְּרוֹיט הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ) **אִיךְ גִיבּ מִיךְ אִין גַאנְצְן אַוֶועק. אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם בְּרוֹיט.**

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּהֵמוֹת הַנַּ"ל) קוֹיפְן אַ מֶענְטְשְׁן אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבְּן בְּרוֹיט. הָאט עֶר אִים גִיקוֹיפְט פַאר אֵיין אֵייבִּיגְן קְנֶעכְט.

**און עֶר הָאט אִים גִישְׁוואוֹירְן מִיט שְׁבוּעוֹת.** אַז עֶר זָאל אִים זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אִין יִישׁוּב אַריין. און עֶר זָאל אִים גֶעבְּן בְּרוֹיט. דְהַיינוּ זֵיי זָאלְן בֵּיידֶע עֶסְן פוּן דֶעם זַאק בְּרוֹיט בִּיז סֶע וֶועט אוֹיס גֵיין.

**און זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען** אִין אֵיינֶעם און זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. און דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט. אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין זַיין קְנֶעכְט גִיוֶוען. און זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד)

**און דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אִים אַבִּיסִיל גְרִינְגֶער גִיוָוארְן** (מַחְמַת עֶר הָאט גִיהַאט שׁוֹין אַ קְנֶעכְט) אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיף הֵייבְּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּן.

**הָאט עֶר גִיהֵייסְן זַיין קְנֶעכְט** אַז עֶר זָאל עֶס אִים אוֹיף הֵייבְּן אָדֶער עֶפֶּעס טוּן. און זֵיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים (דְהַיינוּ שְׁלַאנְג און עֶקְדִישִׁין)

**הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקְן.** און מַחְמַת פַּחַד הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד וִוי אַזוֹי וֶועלְן מִיר דָא אַרִיבֶּער גֵיין הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אֶלָּא מַאי וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ. און הָאט אִים גְוִויזְן זַיין שְׁטוּבּ וִוי זִי שְׁטֵייט אִין דֶער לוּפְטִין.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט אִים** (דְהַיינוּ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) און עֶר הָאט זֵיי בְּשָׁלוֹם אִיבֶּער גְפִירְט. און עֶר הָאט זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. און הָאט זֵיי גִיגֶעבְּן עֶסְן און טְרִינְקֶען. און אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**און דֶער** (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי בְּהֵמוֹת גִיטְרִיבְּן) הָאט זִיךְ גִישַׁאפְט מִיט זַיין קְנֶעכְט. וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט. הָאט עֶס דֶעם קְנֶעכְט זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגְן וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ עֶסְן. וָוארִין הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין וָואס צוּ עֶסְן. און נָאר פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגְן זָאל עֶר זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט.

**און עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן זִיפְץ גִיטָאן.** צוּ וָואס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען. אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין קְנֶעכְט. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר גִיוֶוען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט) **וָואס** פַאר אַ גְדוּלָּה הָאסְטוּ עֶס גִיהַאט. אַז דוּ זִיפְצְט. וָואס דוּ בִּיסְט דֶערְצוּ גִיקוּמֶען.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט** און הָאט אִים דֶערְצֵיילְט. בַּאֲשֶׁר עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ. הָאט מֶען אוֹיף אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן וְכוּ' כַּנַּ"ל. (וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה)

**הָאט עֶר פַארְטְרִיבְּן זַיין חָבֵר** (דְהַיינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ) **אַמָאל** אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער דֵיעָה אַז עֶר הָאט נִיט רֶעכְט גִיטָאן. און עֶר הָאט חֲרָטָה גִיהַאט וְכוּ'. פְלֶעגְט אִים קוּמֶען אִין זִין אַלְץ חֲרָטוֹת תָּמִיד אוֹיף דֶעם מַעֲשֶׂה רַע און אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט אֲקֶעגִין זַיין חָבֵר גִיטָאן.

**אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גִיחָלֶמְט** אַז זַיין תִּיקוּן אִיז. אַז עֶר זָאל אַוֶועק וַוארְפִין דִי מְלוּכָה. און עֶר זָאל גֵיין וִוי הִין דִי אוֹיגִין וֶועלְין אִים טְרָאגִין. און דֶערְמִיט וֶועט עֶר פַאר רֶעכְטִין זַיין חֵטְא. הָאט עֶר דָאס נִיט גִיוָואלְט טָאן. נָאר סֶע פְלֶעגִין אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד דִי דָאזִיגֶע חֲלוֹמוֹת. אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן.

**בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִים גִיבְּלִיבְּן** אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. און עֶר הָאט אַוֶועק גִיוָוארְפִין דִי מְלוּכָה. און אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען. און הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט. **און דֶער הֶערְט דָאס אַלְץ און שְׁוַוייגְט** (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן בְּהֵמוֹת. הָאט דָאס אַלְץ אוֹיס גִיהֶערְט וָואס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) **און עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט.** אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִיר.

צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה" צייטליך שבת אינדערפרי פרשת וישלח ביים דאווענען איז

## הילד החשוב
## נחמן יואל הלפרין, בית שמש

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די עלעפטע מעשה (3) ־ דער בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן

**א. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן אינדערפרי ווען ער האט געזען אז די בהמות זענען נעבן אים?**
- ☐ ער איז אראפ פון בוים זיי צו כאפן און זיי זענען ווייטער אנטלאפן
- ☐ ער האט זיי געכאפט און צו געבונדן צו א בוים
- ☐ ער האט זיי געשלאגן

**ב. ועמען האט דער אמת'ער בן המלך געפונען אויפ'ן בוים?**
- ☐ דער סוחר
- ☐ א מענטש
- ☐ זיין חבר

**ג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געענטפערט ווען ער האט אים געפרעגט פון וואו קומסטו אהער?**
- ☐ דורך די בהמות וואס זענען פארגאנגען (פארבלאנדזעט)
- ☐ דורך די פערד וואס איז פארגאנגען
- ☐ דורך עפעס א סוחר

**ד. וואס האבן זיי אפגעשמועסט?**
- ☐ אז אפילו אז זיי וועלן קומען אין ישוב אריין זאלן זיי זיך אויך האלטן אינאיינעם
- ☐ אז מ'דארף נישט נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד
- ☐ זיי האבן זיך מחזק געווען איינער דעם אנדערן

**ה. וואס האבן זיי געהערט נאכט צו אינדערפרי?**
- ☐ א קול פון חיות וואס ברומען
- ☐ זייער א גרויס געלעכטער
- ☐ די קול פון די געזאנג פון פייגעלעך

**ו. וואס פאסירט צו די בוימער פון די קול פון די געלעכטער?**
- ☐ זיי ציטערן
- ☐ זיי פאלן אראפ
- ☐ זיי צוברעכן זיך

**ז. וואס האבן זיי געזען ווען ס'איז געווארן טאג?**
- ☐ די בהמות
- ☐ די פערד
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האבן זיי געטוהן?**
- ☐ ביידע זענען אראפ נאכלויפן - ער נאך די בהמות, און ער נאך די פערד
- ☐ נאר דער בן המלך איז אראפ נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד
- ☐ נאר דער אנדערער מענטש איז אראפ נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד

**ט. ווער האט געפונען א זאק מיט ברויט?**
- ☐ דער אמת'ער בן המלך
- ☐ דער צווייטער מענטש וואס איז געווען דארטן
- ☐ ביידע צוזאמען

**י. ועמען האט דער אמת'ער בן המלך באגעגנט דארטן?**
- ☐ א מענטש וואס זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן זענען אויפגעוואקסן אין וואלד
- ☐ דער שומר פון וואלד
- ☐ זיין טאטע

**יא. וואס האט דער מענטש אים געענטפערט ווען ער האט געזאגט אז ער יאגט נאך זיינע בהמות?**
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאכן פערד
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך דיינע עוונות
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך די בהמות

**יב. פאר וועלכע זאך האט דער אמת'ער בן המלך געגעבן ברויט פאר דער מענטש פון די פערד?**
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין קנעכט ביז מ'קומט אין שטאט אריין
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין אייביגער קנעכט
- ☐ אז ער וועט אים געבן אסאך געלט

**יג. וואו איז געשטאנען די שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ☐ אויף א בוים
- ☐ אין דער לופט
- ☐ אין הימל

**יד. וויאזוי זענען זיי אריין אין דעם שטוב?**
- ☐ זיי זענען אריין געשפרונגען
- ☐ איינער איז ארויף אויפ'ן אנדערן
- ☐ דער מענטש פון וואלד האט זיי אהין געברענגט

**טו. וואס האט פארדראסן פאר דעם קנעכט?**
- ☐ אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פאר איין שעה וואס ער האט געדארפט ברויט
- ☐ פארוואס נישט ער האט געטראפן די ברויט
- ☐ אז די פערד איז אים פארלוירן געווארן

**טז. וואס האט דער קנעכט פארציילט פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ☐ אז ער איז געווען א קעניג און מ'האט אויף אים געזאגט אז ער איז פארביטן, האט ער פארטריבן זיין חבר דער אמת'ער בן המלך
- ☐ אז עס פלעגן קומען אויף אים חרטות פארוואס ער האט פארטריבן זיין חבר און ער האט זיך געחלומ'ט אז זיין תיקון איז אז ער זאל גיין וואו אהין זיינע אויגן טראגן אים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואס לערנסטו זיך דערוויילט ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז וועגן מ'האט עבירות מיינט מען אז מ'דארף שווער ארבעטן (נאכלויפן די בהמות)
- ☐ אז מ'דארף ווארטן ביז מ'זעהט די ישועה
- ☐ אז איך בין א בן ה______, א קינד פון דעם_______.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

המשך פון זייט 1

# דער ריינער קוואל

מִיר גְלֵייבְּן אִין אַלֶע צַדִיקִים פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת בִּיז וַוייטֶער דִי תְּנָאִים א.א.וו. בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, בִּפְרָט וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן אוּן הֵייבְּן דִי פִּיס אִין אַ טֶענְצְל, בִּפְרָט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'מִצְוָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד'. דַארְפְן מִיר זִיךְ אַלֶע בַּאנַייעֶן אוּן זִינְגֶען אוּן זָאגְן הַלֵל שָׁלוֹם בְּקוֹל גָדוֹל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

אוּן אַזוֹי וִוי בַּיָמִים הָהֵם אִיז גֶעוֶוען מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִים וְכוּ' אַזוֹי אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶה, אַבִּיסְל שֶׁמֶן זַיִת, אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם רֶבִּי'נְס קְוַואל, אַ פוּנְק פוּן רֶבִּי'נְס פַייעֶרְל וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אֶלֶף אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל וָואס עֶס אִיז הַיינְט דָא. אִין זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער אוֹר הָאֱמֶת וֶועט מְקֻיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל הַר קָדְשְׁךָ וְאֶל מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# דעם רבי'נס לייט

המשך פון זייט 2

דֶעם טַלִית אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם 'יְהִי רָצוֹן שֶׁתַּצִילֵנוּ הַיוֹם וּבְכָל יוֹם מֵעַזֵי פָנִים וּמֵעַזוּת פָּנִים' - הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת, אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן בַּיי דֶעם 'יְהִי רָצוֹן' פוּן נָאךְ דִי בְּרָכוֹת! מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין שׁוּל אַרַיין, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אִים אִיבֶּערְהַאקְן, דֶער חָתָן זָאל אַזוֹי שְׁרֵייעֶן...

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פְרִיעֶר; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִין פָּאלִישׁ ('פְּרוֹזְדוֹר' הֵייסְט עֶס דָא) אוּן הֶערְשׁ לֵייבּ הָאט אָנְגֶעטָאן דֶעם טַלִית אוּן גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת - אוּן גֶעזָאגְט דֶעם 'יְהִי רָצוֹן שֶׁתַּצִילֵנוּ הַיוֹם וּבְכָל יוֹם, מִיֵצֶר רָע וּמֵחָבֵר רָע' - דִי גַאנְצֶע יְהִי רָצוֹן, עֶר הָאט עֶס אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת דֶעם יְהִי רָצוֹן. מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט, מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט וִוי אַ חָתָן שְׁרֵייט צוּמָארְגְנְס מִיט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת!

הדפסת הגליון נתנדב ע"י ר' יעקב יוסף איגל הי"ו
לרגל אירוסי בתו
שמחת התנאים יתקיים בעז"ה
מוצש"ק באולם אוהל פיגא בשעה 9:00

הדפסת הגליון נתנדב ע"י ר' אברהם וועבערמאן הי"ו
לרגל שמחת פדיון הבן לבנו בכורו שיתקיים בעז"ה
יום חמישי מקץ, נר רביעי דחנוכה

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' חיים מאיר לוריא הי"ו
לרגל הולדת הבן

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' שמעון זלוטניק הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו אליהו יהודה

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' יו"ט שטערן הי"ו
לרגל הולדת הבן

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' אברהם נחמן אנשין הי"ו
לרגל נישואי בנו

# אן אייביגע "לאטקע"



יענקעלע איז געווען א יתום. ער האט נעבעך נישט געקענט וואוינען אינדערהיים ווי אלע קליינע קינדער וועלכע האבן א ווארימע טאטע און מאמע וואס זארגן זיך פאר זיי. די פארוואלטער פון קינדערהיים וואו ער האט געוואוינט זענען טאקע געווען עקסטער געטריי און איבערגעגעבן צו די נעבעכדיגע יתומים אבער עס האט אים געפעלט די ווארימקייט פון א ליבע משפחה. ביינאכט אין די טונקלקייט, ווען ער איז געלעגן אין בעט האט ער גע'חלומ'ט פון זיין ליבע מאמע און טאטע פון וועמען ער איז אזוי ווייט. אינמיטן האט ער געפילט ווי זיין קישן ווערט נאס. אוי, זיינע טרערן זענען גערינען אן רשות און אים פארפלייצט מיט פליסיגקייט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך יענקעלע אריבערכאפן קיין קאטאמאן וואו עס האט זיך געפונען די ברסלב'ער שול. דארט צווישן אנ"ש האט יענקעלע זיך געשפירט פארזיכערט. די ווארימע ווערטער פון רבי'ן וואס ער האט דארט געהערט האט אים אנגעווארעמט זיין פאר'חלש'טע הארץ.

חנוכה. יענקעלע בענקט צו זיין היים. צו זיין טאטענ'ס הייליגע לעכט צינדן. אוי, זיין מאמע'ס הייסע לאטקעס. זיין הארץ גייט אויס פאר בענקשאפט. און זיינע פיס האבן פון זיך אליינס זיך ארויסגעלאזט אויף דער באקאנטער וועג קיין קאטאמאן. ער האט אריינגעשפאנט אין שול און זיך אויסגעמישט צווישן עולם און זיך איינגעהערט צו די הייליגע ווערטער פון רבי'ן וואס די ברסלב'ע לייט האבן דארט ארומגערעדט. די רקודים און פייערליכע טענץ האט אים ממש דערקוויקט. נאך א לאנגע חנוכה פארברענג האט יענקעלע'ס הארץ געשפירט אנגעזעטיגט אבער זיין קערפער האט נישט געוואלט פארגעסן אז ער האט פארפאסט דעם נאכטמאל אין קינדערהיים. יא, זיין נשמה איז זאט אבער וואס איז מיט זיין מאגן? יענקעלע איז הונגעריג, מקען זיך נישט ארויסדרייען פון עסן. יענקעלע וויל עפעס נעמען אין מויל אבער ס'איז נישט געווען וואס. אין יענע צייט האט געהערשט א שרעקליכע הונגער. סאיז קוים געווען אביסל ברויט צו באקומען. אבער ביינאכט איז שוין אלעס געווען אויסגעליידיגט.

שעמעוודיגערהייט האט זיך יענקעלע צוגעשלייכט צו ר' שמואל שפירא ז"ל.

"איך בין הונגעריג," האט ער ארויסגעשטאמלט שטיל. ר' שמואל האט געעפנט זיינע מילדע אויגן אויפ'ן

נעבעכדיגער יתום'ל וואס האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן פאר אים.

"זיכער, יענקעלע," האט ר' שמואל אים געענטפערט מיט רחמנות, "קום מיט מיר אהיים וועל איך דיר בעזר השם געבן א לאטקע." און ר' שמואל איז אהיים מיט יענקעלע אים צו קענען געבן א לאטקע. דאס איז געווען א גרויסע מציאה אין יענע הונגעריגע יארן.

ר' שמואל שפאנט אריין אין הויז אין גייט גלייך אריין אין קאך צו זיין רעביצין. "וואו זענען די לאטקעס?" פרעגט ער איר, "יענקעלע איז הונגעריג".

"אה", לאכט די רעביצין פריידא, אפילו א ברעקל איז שוין נישט געבליבן. די הונגעריגע קינדער האבן אלעס פארברענט..."

"אוי וויי", האט ר' שמואל ארויסגעקרעכצט, "וואס וועט זיין מיט יענקעלע? ער איז הונגעריג. כהאב אים דאך אנגערייצט מיט א לאטקע."

ר' שמואל האט געהאט גרויס עגמת נפש פון דעם וואס יענקעלע האט נישט באקומען א לאטקע. ער האט עס געדענקט אלע זיינע לעבנ'ס טעג אפילו לאנג נאכדעם וואס יענקעלע האט שוין פארגעסן דערפון.

דעם אנדערן טאג איז געווען פרייטאג. ר' שמואל האט איינגעלאדענט יענקעלע צו די סעודות און אים שטארק מכבד געווען. און יעדעס מאל ווען ער האט אים געטראפן האט ער אים נאכאמאל איבערגעבעטן און אים מכבד געווען מיט וואס ער האט געהאט.

ווען ר' שמואל איר אמאל געוואר געווארן אז איינער פון אונזערע לייט פלאנט צו פארן אויף וואקאציע האט ר' שמואל אים געבעטן אז ער זאל מיטנעמען דעם יתום יענקעלע און אים מכבד געווען. דער איד האט אים טאקע מיט גענומען און יענקעלע האט זייער שטארק הנאה געהאט.

מיט ר' שמואל'ס רחמנות האט יענקעלע זיך פארדינט מער ווי א לאטקע. ער האט שטענדיג געהאט א פלאץ אין ר' שמואל'ס הארץ.




יענקי וויל זאגן
אביסל ליקוטי תפלות אויף
חנוכה, קענסטו אים העלפן טרעפן
דעם ספר ליקוטי תפילות?

# א שמועס מיט'ן זיידן




איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי נתן ז"ל האט געהייסן ר' חיים הערש פון דער שטאט טולטשין. ער האט געהערט אז אין מעזיבוש וואוינט אן ערליכער איד מיטן נאמען ר' מעכטשע. דער ר' מעכטשע איז געווען אן אייניקל פונעם גרויסן צדיק רבי ר' ברוכ'ל מעזיבוש'ער ז"ל - פעטער פון רבי'ן - וואס זיין יארצייט איז געווען די וואך מאנטאג ח"י כסלו.

ווען מען האט דערציילט פאר ר' חיים הערש אז ר' מעכטשע ליגט קראנק און עלנד אין שטוב מיט א שרעקליכע ארעמקייט, איז פאר ר' חיים הערש געפאלן א ציטער, 'א צדיק ליגט אזוי אליין, שוואך און פארפרוירן און עס איז נישטא איינער וואס זאל אים העלפן און באדינען?' ער האט ער זיך מיישב געווען אז ער אליין וועט ארויספארן קיין מעזיבוש און זוכה זיין צו משמש א בנן של קדושים וצדיקים.

אומר ועושה, גענומען פעק אין הענט און איז אנגעקומען קיין מעזיבוש. ווי ער קומט אריין צו ר' מעכטשע טרעפט ער אים ליגן מיט יסורים אין בעט, צוגעדעקט מיט עטליכע דעקעס, ווייל די שטוב איז געווען קאלט, ס'איז נישט געווען ווער עס זאל אנהייצן די שטוב און אויך נישט קיין געלט צו קויפן האלץ... ר' חיים הערש האט באלד געקויפט העלצער און אנגעווארעמט די שטוב, ער האט געברענגט פאר ר' מעכטשע נארהאפטיגע עסן און ווארימע טרינקען, און אים באדינט מיטן גאנצן הארץ און נשמה. ווען ר' מעכטשע האט געזען די גוטהארציגקייט פון ר' חיים הערש, ווי ער האט אים ממש מחיה געווען און געהאלפן, איז ער זייער נתפעל געווארן און האט אים געפרעגט: "ווער זענט איר? פון וואו קומט איר?"

"פון שטאט טולטשין," האט ר' חיים הערש געענטפערט,

"טולטשין איז נישט נעבן ברסלב?" פרעגט ר' מעכטשע,

יא, יא טאקע אזוי!

פרעגט ר' מעכטשע ווייטער: "אפשר קענט איר דארט די ברסלב'ער חסידים?"

האט ר' חיים הערש געענטפערט: "אוודאי קען איך זיי, איך אליין בין איינער פון זיי..."

"אזוי? וועל איך דיר דערציילן א מעשה פון דיין גרויסן רבי'ן וואס איך אליין האב מיטגעהאלטן און געהערט. דו וועסט זיכער הנאה האבן פון די מעשה, און דאס איז וואס איך קען דיר צוריק באצאלן פאר די גרויסע הילף וואס דו האסט מיר אזוי שיין באדינט.

המשך קומענדיג זייט

# א שמועס מיט'ן זיידן

און אזוי האט ר' מעכטשע דערציילט:

אזוי ווי דו ווייסט איז מיין זיידע ר' ברוך'ל געווען באוואסט אין גאנצן געגענט. פיל רביים פון יענע צייט פלעגן קומען צו זיין טיש, בפרט שבת קודש. מען האט אים גערופן, 'דער רבי פון אלע רבי'ס'. איך בין געווען דעמאלס א קליין קינד," דערציילט ר' מעכטשע ווייטער, "און דער זיידע האט מיר זייער ליב געהאט. איך פלעג זיצן נעבן דעם זיידן ווען ער פלעגט פירן טיש, צומאל פלעגט ער מיר האלטן אין זיין האנט.

איינמאל האט זיך געמאכט אז עס זענען געקומען פיל רביים אויף שבת און זענען געזעצן ביים טיש, ווען פלוצלונג האט איין רבי גערעדט עפעס איבער אייער רבי'ן, ר' נחמן. איין רבי האט געזאגט עפעס א ווערטל אויפן רבי'ן און עטליכע פון די רביים ארום האבן מיטגעלאכט. איך, בין געווען א קליין קינד, איך האב געקוקט אויף מיין זיידן ר' ברוך און געזען אז ער לאכט נישט, ער איז געזעצן זייער ערנסט און גארנישט געזאגט. שפעטער ווען מיין זיידע, רבי ר' ברוכ'ל, האט געענדיגט פירן טיש, און דער עולם איז צוגאנגען האט ער מיר צוגערופן און געזאגט:

**"מעכטשע, צווישן די אלע וואס האבן גערעדט אויף ר' נחמנ'ען, און יעדער האט געלאכט, זאלסטו וויסן אז וואס ר' נחמן פארמאגט אין זיינע פיאטעס (פאנטאפל) פארמאגן זיי נישט אין קאפ".**

האב איך געפרעגט דעם זיידן: "פארוואס האט דער זיידע געשוויגן?"

האט מיר מיין זיידע געענטפערט: **"דאס איז אזא מין הויכע נשמה, אז ער קען אין די וועלט נישט זיין, נאר אז מען זאל אויף אים קריגן און רעדן, אז מען רעדט אויף אים קען ער זיין אין דער וועלט, אויב מען זאל אויף אים נישט רעדן - קען ער בשום אופן זיין אין דער וועלט, אבער דו, מעכטשע, זאלסטו וויסן נישט צו רעדן".**

ר' חיים הערש איז זייער נתפעל געווארן פון די מעשה, און האט דאס מפרסם געווען צווישן די חסידים. ר' לוי יצחק בענדער ז"ל האט עס איבערגעגעבן פאר אונז, אזא וואונדערליכע דיבור פונעם גרויסן צדיק ר' ברוכ'ל מזיבוז'ער וואס ער זוכה געווען צו הערן אין דעם זכות וואס ער האט באדינט און געהאלפן אן ערליכן איד.

דאס איז א הנהגה וואס דער רבי ז"ל לערנט אונז אויס וואס רופט זיך, "שימוש תלמידי חכמים" - דאס מיינט באדינען און ארויסהעלפן צדיקים און תלמידי חכמים. דער רבי שרייבט אין ספר המידות אות יראה "עַל-יְדֵי שִׁמּוּשׁ צַדִּיקִים יָבוֹא לְיִרְאַת-שָׁמַיִם וְהוּא הַדִּין לְהֶפֶךְ". דורך משמש זיין א צדיק קען מען זוכה זיין צו יראת שמים.

ר' נתן איז געווען אמאל ביים רבי'ן - מיר ווייסן אז יעדע מינוט וואס דער הייליגער תלמיד ר' נתן איז געווען ביים רבי'ן איז געווען א וויכטיגע זאך לדורות, וואס טויזנטער נשמות האבן געהאנגען אין דעם, מיט דעם אלעם האט דער רבי אים געהייסן ער זאל ארויסגיין אינדרויסן פון שטאט, דארט איז געפארן אויף א וואגן דער צדיק ר' לוי יצחק מברדיטשוב ז"ל אליין אן א משמש, האט דער רבי געוואלט אז ר' נתן זאל משמש זיין דעם צדיק אויפן וועג. און ר' נתן האט טאקע באדינט דעם בארדיטשוב'ער רב א שטיק צייט. זען מיר דערפון די גרויסקייט און חשיבות וואס שימוש צדיקים האט געהאט ביים רבי'ן.

## משיח'ס ליכט

ערכתי נר למשיחי

מְען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אִין רֶבִּי'נְס דוֹר, נָאר דַוְקָא אִין דִי לֶעצְטֶע צַייטְן וֶוען דִי דוֹרוֹת גֵייעֶן מֶער אַרָאפּ, צוּ זֵיי וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען?

ר' נָתָן הָאט זֵיי גֶעעֶנְטפֶערְט אַזוֹי: "עֶס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ מָשָׁל:

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וָואס אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פֶעסְטוּנְג אוּן אַ גְרוֹיסֶע מוֹיעֶר, אַלֶע קֶענִיגְן פוּן דִי וֶועלְט הָאבְן זִיךְ גֶעפְלָאגְט מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת אוּן מִיטְלֶען צוּ קֶענֶען אַייַנְבְּרֶעכְן דִי מוֹיעֶר, זֵייעֶר גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז גֶעבְּלִיבְן הֶענְגֶען אִין דִי לוּפְט, אַלֶע זֵייעֶרֶע פַייְלְן אוּן טַאנְקֶען, רַאקֶעטְן הָאבְן נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּבְּרֶעכְן דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם וַואנְט.

אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ קֶענִיג עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט מִיט קְלוּגְשַׁאפְט וִויאַזוֹי אַייַנְצוּנֶעמֶען דֶעם פֶעסְטוּנְג. זַיין גַאנְצְן מִילִיטֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע גִבּוֹרִים אוּן גֶענֶערַאלְן הָאבְן גֶעהַאקְט אוֹיפְן פֶעסְטוּנְג כְּדֵי אִיר אַייַנְצוּנֶעמֶען אָבֶער פוּן גְרוֹיס שְׁטַייפְקֵייט פוּן דֶעם פֶעסְטוּנְג זֶענֶען דִי מִילִיטֶער לַייט צוּבִּיסְלִיךְ גֶעפַאלְן, שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען אוֹיךְ גֶעפַאלְן אַלֶע זַיינֶע גִבּוֹרִים בִּיז עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר דֶער קֶענִיג אַלֵיין.

דֶער קֶענִיג הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן, עֶר אִיז נָאכְאַמָאל אַרוּם דִי פֶעסְטוּנְג אוּן גֶעזֶען אַז דֶער שְׁטֵייפֶער וַואנְט אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן חָרוּב אוּן צוּבְרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן אִינֶעוֵוייניג, עֶס קוּקְט נָאר אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ גַאנְצֶער וַואנְט.

הָאט דֶער קֶענִיג צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעבְּלִיבְן אִין זַיין לַאנְד, אוּן מִיט פְּשׁוּטֶ'ע הֶעלְצֶער אוּן קְלֶעצֶער הָאבְן זֵיי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם גַאנְצְן פֶעסְטוּנְג.

יֶעצְט טַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוער הָאט צוּוָוארְפְן דִי וַואנְט? אֶפְשָׁר דִי פְרוֹיעֶן אוּן שְׁוַואכֶע קִינְדֶער?

אֲפִילוּ אוֹיב דִי קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעקְנַאקְט מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת טוֹיזְנְטֶער יָארְן קֶענֶען זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט מַאכְן צוּפִיל קְרִיצְן אִין דִי שְׁטֵייפֶע וַואנְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאר מִיט דִי כֹּחַ פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן גִבּוֹר וָואס הָאט צוּבָּאמְבֶּעט דֶעם וַואנְט כִּמְעַט בִּיזְן סוֹף הָאבְן זֵיי גֶעקֶענְט צוּבְּרֶעכְן דֶעם וַואנְט.

ווייטֶער דִי עֶרְשְׁטֶע גִבּוֹרִים הָאבְן אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַייַנְגֶענוּמֶען דֶעם פֶעסְטוּנְג, נָאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת הָאבְן לְמַעֲשֶׂה דָאס צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן דָאס אִינְגַאנְצְן אַייַנְגֶענוּמֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי גְאוּלָה וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער יָארְן, דִי רִאשׁוֹנִים, דִי אֶמֶתְ'ע צַדִּיקִים וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְן גֶעוָוארְפְן פַייְלְן פַארְן שָׂטָן דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרָע, בִּיז דֶער שָׂטָן אִיז שׁוֹין אַזוֹי צוּשְׁאקְלְט אוּן צוּטְרַאסְקֶעט, אַז וֶוער ס'זָאל נָאר זַיין וֶועלְכֶע קִינְד פוּן הַיינְטִיגֶער דוֹר קֶען אַייַנְנֶעמֶען אוּן דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְאוּלָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# מַיין חֲנוּכָּה לִיכְטִ'ל

*א קליין ליכטיגע תפלה (געבויט אויף ליקוטי תפילות)*



...אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן פוּן פְרֵייד. אוּן בִּפְרָט אִין שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים, חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים אוּן אַנְדֶערֶע שִׂמְחוֹת שֶׁל מִצְוָה. זֵיי מִיר צוּ הִילְף זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן מִיטְן גַאנְצְן שְׁטַארְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן אַסַאךְ.

אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן טוּן אַלֶע מִצְווֹת מִיט אַ גְרוֹיס פְרֵייד אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הֵייבְּן דִי פִּיס אוֹיף אַרוֹיף, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְבַּארִימֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע תּוֹמְכֵי תּוֹרָה, וֶועלְכֶע זֶענֶען דִי אֱמֶת'ע אָנְלַיינֶער וָואס הַאלְטְן אוֹיס דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּן הֶעלְפְן זֵיי אַרוֹיס מִיט זֵייעֶר בְּרֵייטֶע גוּטֶע הַאנְט.



... אוּן זוֹכֶה זַיין דוּרְכְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע אוֹיל פוּן חֲנוּכָּה צוּ פַּרְנָסָה וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן מְקוֹר הָרָצוֹן, אַז מֶען זָאל גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רָצוֹן אָן קַיין שִׁיעוּר. ...אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז צוּ אַזַא חֲנוּכָּה קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין נָאר דוּרְכְן זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דֶער רֶבִּי אוּן מַנְהִיג וָואס עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'ער רַחְמָן, ווארויל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אִים צוּ טְרֶעפְן.

(תפלה ב' תנינא)



דֶער עִיקָר קְדוּשַׁת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אִין חֲנוּכָּה אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם הֵיילִיגְן דַעַת "צוּ וִויסְן אוּן צוּ מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער."

(תפלה ז' תנינא)



## גְרַאמֶען אוֹיפְן בְּרֶסְלֶבֶ'ע נִיגוּן מָעוֹז צוּר
(שְׁנֶעלֶע)



1 בַּיי דִי לֶעכְט, אַלֶע נֶעכְט
אַפָּאר מִינוּט אִיךְ גִיבּ אַוֶועק
צוּ דַאנְקֶען גָאט, אוֹיף וָואס עֶר הָאט
גֶעשֶׁענְקְט מִיר אָן קַיין עֶק
מַתָּנוֹת עַד אֵין סוֹף

2 אַזוֹיפִיל גוּטְס אָן אַ צָאל
אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל
מִיט יֶעדְן טוֹב
וָואס אִיךְ הָאבּ לָרוֹב
שַׁאף אִיךְ נַחַת פַאר דִי פָּארְט
בַּיים כִּסֵא הַכָּבוֹד דָארְט

1 דִיר צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן
לְהוֹדוֹת, וּלְהַלֵל
הָאסְט מִיר דֶערְהוֹיבְּן,
אִיךְ טוּ גְלוֹיבְּן,
אַז אַלְס אִיז נָאר פוּן דִיר
מַתָּנוֹת אָן אַ שִׁיעוּר

2 סְפֶּעצִיעֶל אַ גְרוֹיסְן שְׁבַח
אַז אִיךְ וֵוייס פוּן רֶבִּי'נְס זַאךְ
בַּאקוּמֶען דָאךְ
דֶעם שֶׁמֶן זָךְ
מִיט אַ פְּלַאם
אַלֶע צוּזַאם
וֶועלְן מִיר אַ טֶענְצְל גֵיין... מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי ...

1) וֶוען אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי מַעֲשֶׂה מְאוֹרָה?

2) חֲנוּכָּה הָאט שַׁייכוּת צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער צוּ יוֹם כִּפּוּר (עי' לקוטי מוהר"ן ד' תנינא)

3) וֶועלְכֶע שִׂיחָה רֶעדְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן דֶער סוֹד פוּן דְרֵיידְל?

4) וָואס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זָאגְן הַלֵל מִיט אַ קוֹל?

5) אִין וֶועלְכֶע תּוֹרָה דֶערְמַאנְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵל"?

6) וֶועלְכֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען בַּיים רֶבִּי'נְס שַׁבָּת חֲנוּכָּה טִישׁ אָן קַיין שִׁיעוּר מָאל?

די קינדער וואס ענפטערן אויף די שאלות וועלן בעזר השם אריינגיין
**אין א שיינע גורל לכבוד חנוכה**
לאז איבער די תשובות אויף קנעפל 7 מיט דיין נאמען און טעלעפאן נומער.

# טרעף צען קליינע חילוקים צווישן
# די צוויי בילדער




